# שלום-עליכם

# רפֿאל בעל-משגיח

רפֿאל איז אַ משגיח. ער גיט אַכטונג.

אויף וואָס גיט ער אַכטונג? אויף אַלסדינג. ער גיט אַכטונג אויף דער תּלמוד תּורה, די קינדער זאָלן נישט גיין נאַקעט און באָרוועס; אויפֿן ביקור-חולים, אָרעמע לײַט זאָלן דאָרט נישט אויסגיין פֿון הונגער; הײַנט גיט ער אַכטונג אויף די בחורים, וואָס זיצן אין בית-המדרש און לערנען, זיי זאָלן האָבן וואָס צו עסן און נישט גיין אין צעריסענע שטיוול. און גלאַט אויף אָרעמע לײַט אין שטאָט גיט ער אַכטונג, זיי זאָלן האָבן אויף שבת און אויף יום-טובֿ.

ער אַליין טאַקי גייט דאָס פֿון זייערט וועגן איבער די הײַזער, קלויבט קאָפּיקעס, נעמט צונויף פֿון זייערטוועגן אויף חתונות, אויף בריתן, אויף פּדיון-הבנס און אויף אַנדערע שׂמחות, לאָזט נישט דורך קיינעם, רײַסט פֿון טויט און פֿון לעבעדיק און קריגט זיך, זידלט זיך און שלאָגט זיך פֿאַר „זײַנע“ אָרעמע לײַט.

אַ גאַנצע וואָך גייט ער אום מיט אַ שטעקן. און ערבֿ שבת און ערבֿ יום-טובֿ – מיט אַ זאַק אויף די פּלייצעס. אין דעם דאָזיקן זאַק וואַרפֿט איר אים אַרײַן וואָס איר האָט: אַ שטיקל ברויט, אַ פּולקע פֿון איין עוף, אַ געבאַקענעם קאַרטאָפֿל, איין אוגערקע, אַ קנאָבל, אַ ציבעלע, אַ ביינדל – אַלסדינג איז אַ סחורה. און פּרוּווט, אַדרבה, וואַרפֿט נישט אַרײַן רב רפֿאלן אין זאַק אַרײַן גאָרנישט נישט, וועט איר קריגן געזידלט, און אַז איר וועט זיך שטעלן אויסטענהן, קאָנט איר אים נאָך אַרײַנברענגען אין כּעס, און ער קאָן אײַך געבן מיטן שטעקן.

רפֿאל איז איין אויסגעדינטער סאָלדאַט, אַ ניקאָלײַעווסקער, און האַלט זיך גלײַך, ווי אַ סטרונע, און גייט, ווי אַ סאָלדאַט. אַז איר ווילט, קאָנט איר זען בײַ אים אונטער דער קאַפּאָטע, אויפֿן לײַבל, אַ מעדאַל פֿון ניקאָלײַען. צוויי מעדאַלן: איינע אַ זילבערנע, די אַנדערע אַ בראָנזענע. און ער האָט צו דערציילען פֿון ניקאָלײַ פּאַוולאָוויטשן מעשׂיות מיט מעשׂיות. נאָר ווּ האָט ער צײַט צו דערציילן מעשׂיות, אַז ער האָט אויף זיך אַזוי פֿיל אַרבעט? אַ קלייניקייט – אַ מענטש אַ משגיח!

ווער האָט אים געמאַכט פֿאַר אַ משגיח – ווייסט קיינער נישט. ווער צאָלט אים און וויפֿל באַקומט ער פֿאַר זײַן אַרבעט – ווייסט קיינער נישט. קיינער ווייסט נישט און קיינער נעמט נישט אָפּ בײַ אים קיין דין וחשבון. מע גלויבט אים. מע ווייסט, אַז וואָס רפֿאל פֿאַרדינט פֿאַר זײַן אַרבעט – מעגן דאָס די שׂונאים האָבן אויף זייער פֿאַרמעגן, וואָרום ער אויף זיך אַליין באַדאַרף גאָרנישט. און ער גייט מיט דעם גאַנג, אַז איר באַדאַרפֿט אויך גאָרנישט. ער קאָן זיך פֿאַרגינען אײַך זאָגען מוסר, למאַי איר גיט אויס געלט אויף דער רוח ווייסט וואָס, בעת אין שטאָט זענען דאָ אַזוי פֿיל אָרעמע לײַט. די גאַנצע וועלט איז בײַ אים באַשאַפֿן געוואָרן נאָר פֿון די אָרעמע לײַטס וועגן. דערזעט ער אויף אײַך אַ נײַ מלבוש, וועט ער עס אַ טאַפּ טאָן און וועט אײַך אַ פֿרעג טאָן: „וואָס קאָסט?“ און וועט נעמען אויסרעכענען אײַך, וויפֿל אָרעמע לײַט וואָלט מען געקאָנט דערמיט אויסקליידן. קומט ער צו גיין אויף אַ חתונה, אַ ברית, אַ פּדיון-הבן אָדער אַזוי אַ שׂמחה, איז דאָס ערשטע, וואָס קומט אים אויפֿן זינען: „וויפֿל אָרעמע לײַט וואָלט מען מיט אַזאַ סעודה געקאָנט אָנהאָדעווען?“... און ער וואַרט אָפּ, ווען וועט דער עולם אָפּבענטשן און צעגייען זיך, בכדי ער זאָל קאָנען צונויפֿנעמען די איבערגעבליבענע שטיקלעך פֿאַר זײַנע אָרעמע לײַט.

ווי אַלט איז ער? – דאָס ווייסט קיינער נישט, און ער אַליין – אויך נישט. ער איז שוין אַ ביסל טויבלעך. אַז איר רעדט צו אים און ער דערהערט נישט, צעשרײַט ער זיך אויף אײַך, אַז „איר שפּרעכט אים אָפּ אַ גוט אויג“, און איר מוזט רעדן העכער. אויך די ראיה איז בײַ אים די לעצטע צײַט אַ ביסל געשלאָגען. אַז ער גייט, קוקט ער גלײַך און טאַפּט מיטן שטעקן. ער טרעפֿט אָבער אַהין, ווּ מע דאַרף, און אַז מע גיט אים, דערזעט ער, און אַז מע גיט אים נישט, בייזערט ער זיך, קלאַפּט מיטן שטעקן:

– איר האָט שוין היינט זיך אָנגעפּרעסן, דאַנקען גאָט, און אָנגעזליאָקעט, און איצט רויכערט איר זיך אַ פּאַפּיראָסל. אײַך איז, קיין עין-הרע, גאַנץ גוט! און דאָס ווייסט איר, אַז מײַנע אָרעמע לײַט פֿאַסטן נאָך פֿון נעכטן אָן, יאַדראָ וואַשי קאַטשקי!...

דאָס איז זײַן יונישע קללה, וואָס ער איז מכבד מיט איר קליין און גרויס. ענטפֿערן אים עפּעס דערויף איז אַרויסגעוואָרפֿן – מע קאָן נאָך הערן פֿון אים ערגערע ווערטער...

– נאַט אײַך אַזאַ מין אָנשיקעניש! – זאָגט מען אויף אים אין שטאָט, און מע באַהאַלט זיך אויס פֿון אים, טאָמער וועט ער נישט געפֿינען.

קיין קינדער האָט ער נישט. ער האָט זיי אַלעמען איבערגעלעבט. ער האָט נאָר אייניקלעך, וואָס האַלטן אים אויס מיט גרויסע צרות – און דאָס גיט אים די מעגלעכקייט, ער זאָל זיך קאָנען אין גאַנצן אָפּגעבן צו זײַנע אָרעמע לײַט און טאָג ווי נאַכט אַרומגיין איבער דער שטאָט, זשעברעווען, שלעפּן, רײַסן, דערקוטשן, אײַנעסן זיך אין די ביינער אַרײַן, זידלען זיך און שעלטן זיך אויף יוניש.

נאָר איין טאָג אין יאָר איז פֿאַראַן, וואָס אונדזער בעל-משגיח לאָזט צו רו דעם עולם. דאָס איז דער טאָג פֿון ערבֿ יום-כּפּור.

ער האָט שוין באַזאָרגט זײַנע אָרעמע לײַט נאָך פֿון נעכטן, זיך איבערגעקריגט מיט דער גאַנצער שטאָט, אויסגעוויזן מיט ראיות, אַז אָרעמע לײַט באַדאַרפֿן אויך שלאָגן כּפּרות, אַז אָרעמע לײַט באַדאַרפֿן אויך האָבן מיט וואָס צו פֿאַרפֿאַסטן זיך – עס גייט אַזאַ הייליקער טאָג, יאַדראָ וואַשי קאַטשקי!... און איצט מאַרשירט ער מיט זײַנע אַלטע סאָלדאַטסקע פּיס איבער דער שטאָט, שוין אָן אַ זאַק און אָן אַ שטעקן, יום-טובֿ׳דיק, מיט ביידע ניקאָלײַעווסקי מעדאַלן אויף דער ברייטער ברוסט. און מחמת דעם שטעקן האָט ער געלאָזט אין דער היים, גייט ער האַרט בײַ די ווענט, פֿון שטוב צו שטוב, איבערבעטן דעם עולם, זיך מוחל זײַן:

– אַ גוט יום-טובֿ! טאָמער האָב איך אײַך אָנגערירט מיט אַ קרום וואָרט, בעט איך אײַך איבער, און ווינטש אײַך אַ חתימה טובֿה.

ענטפֿערט מען אים: „גם אתּם, לאָז גאָט מוחל זײַן“. – מע בעט אים זיצן און מען איז אים מכבד מיט לעקעך.

Copyright © 2006 Leonard Prager
All Rights Reserved